„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו־יאָרק, 1956, ערשטער באַנד, זז. 85־284.
שמואל ראָזשאַנסקי — שטריכען, „ד'א'צ", בוענאָס איירעס, 6 יוני 1948.
ט. ביילין — נאָטיצן און באַמערקונגען, „די פרעסע", ב'א, 1 יולי 1953.
ש. ר. — טעאַטער־רעצענזיעס, „ד'א'צ", ב'א, 13 יולי 1953.
שמואל ראָזשאַנסקי — שטריכן, דאָרט, 16 פעברואַר 1956.
שמואל ראָזשאַנסקי — שטריכן, דאָרט, 15 אָקט. 1969.
[—] — געשטאָרבן אין ישראל דער שרייבער פנחס ביזבערג, דאָרט, 15 אָקט. 1969.

## זאַנשיין, יעקב

[געב. 10 יאַנואַר 1914 — געשטאָרבן 7 פעברואַר 1962]

געבוירן 10 יאַנואַר 1914 אין לוקאָוו, שעדלעצער געגנט, פוילן. געלערנט אין חדר און ישיבה. 1928 אַריבער מיט די עלטערן קיין זשיכלין און פון 1930 געלעבט אין וואַרשע. 1939, ווען פוילן איז אינוואַדירט געוואָרן פון די נאַציס, אַנטלאָפן קיין ווילנע און די שפּעטערדיקע מלחמה־יאָרן געלעבט אין סאָוויעט־רוסלאַנד פון וואַנען ער איז אין 1947 צוריקגעקומען אין פוילן.

נאָך אין 1932 אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט דער נאָוועלע „אין אַ קעלער־שטוב" אין „אונדזער עקספּרעס". זינט דעמאָלט זיך באַטייליקט אין דער יידישער פּעריאָדיקע מיט לידער, דערציילונגען, נאָוועלן און אַרטיקלען איבער ליטעראַטור, רעפּאָרטאַזשן און איבערזעצונגען, און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער באַנייטער יידישער פּעריאָדיקע אין פוילן ווי אויך אין „יידישע קולטור" (ניו־יאָרק). אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער, דערונטער זיין פּיעסע „פּראָפעסאָר שוואַרצשטיין", דראַמע אויפן פּאָן פון היטלער־חורבן אין 3 אַקטן און 5 בילדער (וואַרשע, 1950, 66 זז.), וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין יידישן טעאַטער אין פוילן.

יעקב מעסטל שרייבט וועגן דער פּיעסע „פּראָפעסאָר שוואַרצשטיין":

„יעקב זאַנשיינס „פּראָפעסאָר שוואַרצשטיין" ליידט קודם־כל פון אומבאַהאָלפענער דראַמאַטורגישער טעכניק; דער פּערסאָנאַזש גייט אָפּט אַראָפּ פון דער בינע אָן אַ פּאַרוואָס און יאַוועט זיך פּלוצעם צוריק אויפן ווינק פונעם מחבר, ווי אַ „דעאוס עקס מאַכינאַ" (גאָט אויס דער מאַשין — אַ פּלוצעמדיקע, ניט־מאָטיווירטע לייזונג פון דער האַנדלונג אין דער אַלט־קלאַסישער טראַגעדיע). מען זאָגט זיך סודות אויפן אויער ...בעת עס איז בפירוש ניטאָ פאַר וועמען זיך צו היטן, אַ חוץ פאַרן טעאַטער־פּובליקום ...און קאָן זיך דער אויטאָר שוין גאָרניט העלפן, גיט ער זיינע פּאַרשוינען אַ מאָנאָלאָג אָדער לאָזט זיי אָפּגעווענדט פון די אַנדערע פּאַרשוינען ריידן „פאַר זיך" (לויטן „אַפּאַראַט"־מעטאָד פון דער אַנאַליקער מעלאָדראַמע). דער מאָנאָלאָג, אין דער מאָדערנער דראַמע איז באַרעכטיקט בלויז אין דער פּאָעטישער פאָרם, וועלכע גיט דער דראַמע סיי־ווי אַ ניט רעאַלן טאָן, בעת אין דער רעאַליסטישער פּראָזע־דראַמע צעשטערט דער מאָנאָלאָג די אילוזיע פון רעאַליזם און מאַכט אַזוי אַרום די גאַנצע סצענע אומגלויבלעך.

און יעקב זאַנשיין האָט עס גאָרניט נייטיק צו טאָן. זיין דיאַלאָג איז מייסטנס גלאַט און מענטשלעך ... די כאַראַקטערס זיינען געשילדערט בינע־מעסיק, הגם אַ ביסל צו שאַבלאָנאַרטיק. דער נאַיווער פּאַרעקשנטער פּראָפעסאָר שוואַרצשטיין, וועלכער גלייבט, אַז אים וועלן די דייטשן ניט טשעפּן ...איז אַפּאַטיש און בלאַסלעך געצייכנט, און קאָן דעריבער ניט זיין דער העלד פון אַ דראַמע, אַ פשיטא שוין אין דער טיטל־ראָל פון דער פּיעסע. ...עס לאָזט דעם איינדרוק, אַז יעקב זאַנשיין שטייט בכלל אונטערן איינפלוס פון קרוטשקאָווסקיס פּיעסע („דייטשן", געשפּילט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „אַנסאַמבל" אין מעסטלס איבערזעצונג א'נ „פאַמיליע זאָנענברוך"), אָבער דאָס איז ניט קיין חסרון. וואָלט ער נאָר ניט צעשפּליטערט זיין אַקציע אויף ריין־אינדיווידועלע און משפּחה־אינטערעסן. אינדיווידועלע כאַראַקטעריסטיק איז דווקא אַ מעלה אין אַ פּיעסע (ווי אין יעדן צווייג פון ליטעראַטור), אָבער די מאָטיווירונג פון דער האַנדלונג מוז זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַלגעמיינער סביבה. אויב ניט, ווערט אָן דער כאַראַקטער זיין סאָציאַלן באַטייט און מינימיזירט, אין דעם פאַל, די יידישע טראַגעדיע צו אַ ווינקלדיקן עפּיזאָד.

נאָר אַן עוולה איז, ווען אַ יינגער דראַמאַטיקער באַהערשט ניט פּערפעקט די **שפּראַך** פון זיין דיאַלאָג. עס עקזיסטירט ניט כמעט קיין דאַטיוו אין יעקב זאַנשיינס יידיש. ...אָבער יעקב זאַנשיין האָט אַ חוש פאַר דער בינע. די שלוס־סצענע פון דער דראַמע איז עכט־טעאַטראַליש, און אַפילו דורך די אַלע דראַמאַטורגישע מינוסן שלענגלט זיך בולט אַ דורך די גרונט־אידעע — „דאָס דייטשע רייך נדי דאַמאָלטיקע נאַצי־הערשאַפט) און די דייטשע נאַציע זיינען צוויי ערליי זאַכן" (ציטאַט פון שילערס „דאָן זשואַן"), איז בלויז צו האָפן, אַז זיין צווייטער דראַמע וועט זיין פיל קאָרעקטער און מער אָפּגעהיטן".

ז. האָט אויך אָנגעשריבן די פּיעסן „פריילעך אין שטעטל" (מוזיק און רעזשי פון ש. פּריזאַמענט, אויפגעפירט 8־1937) און „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", (אויפגעפירט אין יוני 1953 אין ברעסלוי א"ר פון יעקב ראַטבאַום, דעקאָראַציעס — אַלעקסאַנדער יענרזשעווסקי).

אין פאַרלאַג „יידיש בוך" איז דערשינען ז.'ס אַ באַנד לידער א'נ „וואָרט און ניגון" (וואַרשע, 1959, 131 זז.) און "אין זעלבן פאַרלאַג (1964) אַ באַנד לידער „יונגער ווינטער" (144 זז.), ווי אויך אין זעלבן פאַרלאַג (1953, 68 זז.) אַ בוך „דער ראַציאָנאַליזירטער יצחק פעטנער".

אין וורצלאַוו (1958) איז דערשינען אַ בראָשור אין פּויליש פון זיינע לידער, איבערזעצט דורך די פּוילישע דיכטער קאָשוטסקי און קאָוואַלטשיק און ער איז אויך אַריין אין דער פּוילישער אַנטאָלאָגיע „אימיאָנאַ נעפּאָקאָיו" (וורצלאַוו, 1958), און אין דער דייטשער אַנטאָלאָגיע פון דער נייער פּוילישער ליריק „לעקציאָן דער שטילע" (1959).

דעם 7 פעברואַר 1962 איז ז. געשטאָרבן אין וואַרשע.

ש. ע. פון משה שקליאַר.

„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור", ניו־יאָרק, 1960, דריטער באַנד, זז. 553־552.
יעקב מעסטל — „ליטעראַטור און טעאַטער", ניו־יאָרק, 1962, זז. 318־316.

## אַקסעלראַד, מאיר

געבוירן 1902 אין מאָלאָדעטשנא, ווייס־רוסלאַנד. גאָר פרי האָט אים אַ צי געטאָן צו מאָלעריי. אין עלטער פון 18 יאָר, צום ערשטן מאָל, באַזוכט אַ בילדער־גאַלערעע אין סמאָלענסק און דאָרט אָנגעהויבן שטודירן אין דער אָרטיקער סטודיע. אין 1921 זיך באַטייליקט דעמאָלט אויך אַריינגעטראָטן אין אַ קינסטלערישע הויכשול, וווּ

ער לערנט ביי וולאַדימיר פּאָוואַרסקי. געענדיקט דעם אינסטיטוט, איז ער דאָרט פאַרבליבן אַלס לערער. דערנאָך גענומען אַ סך אַרומ־פאָרן איבער רוסלאַנד. 1933 געלעבט אין די יידישע קאָלאָניעס פון כערסאָנער גובערניע, און אומעטום געשאַפן, צווישן זיינע בילדער זיינען אייך פאַראַן 5 גועטאָ־בילדער: „אין לעצטן וועג", „אין אַ באַ־העלטניש", „אין פאַשיסטישן לאַגער", „אַ פאַמיליע" און „זקנים פרויען, קינדער".

א. האָט אין משך פון אַ סך יאָרן אילוסטרירט די ווערק פון פרץ, שלום־עליכם, בערגעלסאָן, קוויטקאָ, לוריע א״א.

א. האָט, צוזאַמען מיט איני כאַריק, איבערזעצט די פיעסע „טרואַדעק" פאַרן „מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער".

א. האָט אויך געשאַפן די דעקאָראַציעס צו בערגעלסאָנס „מידת הדין" און שלום־עליכמס „דאָס פאַרכישופטע שניידערל".

שלמה ראַבינאָוויטש שרייבט:

„מאיר אַקסעלראָד איז אויף שטענדיק געבליבן אַ קינסטלער, וואָס פילט שאַרף דעם דופק פון לעבן. וועגן דעם זאָגט עדות די אויס־שטעלונג. זי באַשטייט פון ווערק פון פאַרשיידענער טעמאַטיק, פון פאַרשיידענעם זשאַנר, פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. אין זיי איז צו זען דעם נעכטן און דעם היינט, מענטשלעכע ליידן און פרייד פון לעבן. דעם שוידער אין פאַשיסטישן גיהנום און די שיינהייט פון וועלדער און פעלדער, שעפערישע מי און קאַמף פאַר שלום אויף דער וועלט".

„איזי כאַריק", 1936, ז. 136.
שלמה ראַבינאָוויטש — ביים קינסטלער מאיר אַקסעלראָד, „מ״פ", נ. י., 10 אָקט. 1968.

# קלינגער, נתן

[געב. 1893 — געשט. 5 אָקט. 1968]



געבוירן 1893 אין וויגאָנקאָ, נעבן טשערטקאָוו, גאַליציע, ביי חסידישע על־טערן. די פאַמיליע טראָגט זיך איבער קיין טשערנאָוויץ, וווּ ק. ענדיקט אַ פאָלקסשול, קלענערע גימנאַזיע און אַ האַנדלסשול. יונג געקומען אין ווין, וווּ ער אַרבעט אַלס האַנדלס־אָנגעשטעלטער, נעמט ער שטודירן אין אַ דייטשער דראַמאַטישער שול, אָבער מוז זי אויפגעבן צוליב מאַ־טעריעלע סיבות, טרעט ער אַריין אין יידישן דראַמאַטישן קריין א״נ „פערדינאַנד לאַסאַל" און דעביוטירט אין גאָרדינס „דער ווילדער מענטש".

אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אָנגעהויבן ביים דירעקטאָר אַקסעלראָד אונטער דער רעזשי פון לאַרעסקאָ, קורץ דערויף אַריבער צום דירעקטאָר עבעל, דערנאָך ביי צוקערבערג אין קראָקע, וווּ ער שפּילט בוף־קאָמיקערס. ביים אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה צוגענומען געוואָרן אין מיליטער און מיטגעמאַכט די מלחמה ביז 1918, ווען ער קומט צוריק און טרעט אַריין אין ווין אין דער „פאָלקסבינע" א״ר פון ציחק דייטש. פון דאָרט גייט ק. איבער אין די אָפּערעטן־טעאַטערס אין פּוילן אַלס פאַט און כאַראַקטער־קאָמיקער, דערנאָך אַלס כאַראַקטער־ראַליסט אין רעאָרגאַניזירטן „וויקט" א״א פון זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקאַ.



ק. פאָרט אָפּ קיין אַרגענטינע, וווּ ער ווערט אַ מיטגרינדער פון ערשטן פאָלקסטעאַטער, א״ר פון רודאָלף זאַסלאַווסקי, דערנאָך אין טעאַטערס א״ר פון מאָרעווסקי און ל. סאָקאָלאָוו און פירט אַליין אָן מיט טרופּעס, גרינדעט טעאַטערס אין ראָזאַריאָ, מאָנ־טעווידעאָ (אורוגוויי). ק. האָט חתונה מיט דער אַקטריסע צילי טעקסט און בלייבט שפּילן אין אַרגענטינע, וווּ ער האָט די געלעגנ־הייט זיך צו באַטייליבן אין ערנסטן רעפּערטואַר מיט מאָריס שוואַרץ, יעקב בן־עמי און יוסף בולאָוו. ק. איז אַ סך אַרומגעפאָרן איבער דער אַרגענטינער פראָווינץ און אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער, פריער מיט טרופּעס, דערנאָך אַלס רעציטאַטאָר פון לידער, פאָעמעס און מאָנאָלאָגן.

דעם 5 אָקטאָבער 1968 איז ק. פּלוצלינג געשטאָרבן אין בוענאָס איירעס.

אין נעקראָלאָג פון „די אידישע צייטונג" ווערט געזאָגט:

„נתן קלינגער האָט זיך דאָ פאָרמירט אַלס כאַראַקטער־שוישפּי־לער און האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין אַלע טרופּעס וווּ ער איז געווען. נתן קלינגער איז געווען אַ שוישפּילער, וואָס האָט אַלע יאָרן געצויגן צו בעסער יידיש טעאַטער און טיילמאָל מסכים געווען אויף אַ קלענערן לוין אַבי צו שפּילן בעסער טעאַטער. נתן קלינגער פלעגט תמיד דערמאָנען מיט שטאָלץ מיט וועלכע בינע־קינסטלער ער האָט אַלץ געשפּילט און דערביי זיך גרויסן מיט זיינע הויפּט־ראָלן; „משולח" אין ש. אַנסקיס „דיבוק", „דן" אין ש. אַנסקיס „טאָג און נאַכט", „כאַצקל דראַכמע" אין יעקב גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול".

נתן קלינגער האָט געשפּילט יידיש טעאַטער פון אַלע זשאַנרן. דאָ, אין נאָנטע און ווייטע לענדער. בוענאָס איירעס איז אָבער געווען די שטאָט, וואָס עס האָט אים צוריקגעצויגן פון אומעטום. דאָ לעבט זיין טאָכטער אסתר רחל מיט איר מאַן און קינדער, און דאָ האָט מען אים געקענט ווען ער איז געווען יונג און פריש. נתן קלינגער האָט פאַרמאָגט אין זיך פיינעם הומאָר און אַלס קאָנ־פעראַנסיע. ביי די קינסטלערישע זונטאָג־פרימאָרגנס, וואָס זיינען אַמאָל דאָ געווען אין דער מאָדע, האָט ער זייער אויסגענומען."

שמואל ראָזשאַנסקי כאַראַקטעריזירט אים אַזוי:

„נתן קלינגער איז געווען אַ ראַסאָווער יידישלעכער אַקטיאָר פון דער אַלטער גוואַרדיע. מיט גאַליציאַנער קלוגשאַפט האָט ער זיך אַריינגעפּאַסט אין ליטעראַרישן רעפּערטואַר פּונקט ווי אין שונד־טעאַטער, אין דראַמע פּונקט ווי אין אָפּערעטע, אָבער ער האָט שבתדיק אויפגעשיינט אַז ער האָט געשפּילט אין אַ ליטע־ראַרישן שפּעקטאַקל. ער האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד, כאָטש ער איז קיינמאָל קינדיש ניט געווען. אַלעמאָל אַ כאַראַקטער־אַקטיאָר, רעזיאָנעריש, אַ טאַטע־ראַליסט, און דער עיקר אַריינגעוואַקסן אין חסידישע ראָלן.

בוענאָס איירעס האָט ער געהאַלטן פאַר זיין היים, דאָך איז ער אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט, ניט דווקא מיט אַן אַנגאַזשמענט אין קעשענע ... ביז די פיס האָבן אים געטראָגן, האָט ער זיך געלאָזט אין דער ברייטער וועלט אַרויס, אויף גאָטס באַראָט, ווען עס איז אין בוענאָס איירעס ניט געווען פאַר אים וואָס צו טאָן. עס האָט אים געפירט זיין ליבע צום בעסערן וואָרט. ער האָט שטענדיק געזוכט שטאָף צו רעציטירן שוישפּילעריש, און מיט אַזאַ פּראָגראַם האָט ער זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט און אויך איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ.